# דער אָוונט טונקלט, מלכּה׳לע

דער אָוונט טונקלט, מלכּה׳לע,
אַ פֿלאַטערל פֿלאַטערט קוים
און פֿאַלט אַוועק פֿאַרמאַטערט
צווישן גראָז און טרוים.

אַן אָרעמער וואַסער־טרעגער
שלעפּט אַהיים זיך מיד —
דער אָוונט, ווי יעדער אָוונט,
האָט שטערן און האָט ליד.

איך שרייב דעם בריוו און טרערן
באַנעצן דאָס בריוו־פּאַפּיר —
איך זע דיך שטיין אַ פֿאַרווײנטע
אינדרויסן ביי דער טיר.

די זילבערנע בראָש, זי בלישטשעט
אויף דײַן סאַמעטן קלייד,
וואָס דו האָסט מיט טרויעריקע פֿינגער
אַליין דיר אויפֿגענייט.

די שוואַרצע האָר דײַנע שמעקן
מיט מאַנדל־אייל פֿאַרקעמט —
אַזוי זעט אויס די ליבע,
וואָס וואָגלט אין דער פֿרעמד.

אַזוי זעט אויס די ליבע,
וואָס האָט קיין מנוחה ניט —
זי שעלט אָנשטאָט צו בענטשן
אירע אייגענע טריט.

די סאָווע איז אויך אַ פויגל
די ווערבע איז אויך אַ בוים —
און די ליבע, וואָס האָט נישט קיין האַפט
צערינט אַזוי ווי שוים.

די בענקשאַפט — אַן עלנטער פויגל —
פלאַטערט אהין און אַהער
און ברענגט צוריק פון דער ווייטנס
כסדר די אייגענע טרער.

איך שרייב דיר דאָס בריוול, מלכה,
און ווייס נישט אַליין פאַרוואָס
ס'וויל זיך מיר זיין אַ פלאַטערל
און אויסגיין אין טיפן גראָז.